# עפּאכעז-שעווראלעט

## איז דער געשיכטע פון שעווראלעטעז וועלכער איז פערזעהען מיט א 6-צילינדערדיגעז מאטאר



א זעקסצילינדער-אויטא אין פרייז פון א פיר-צילינדערדיגען.

א דאנק דעם, וואס אויפ'ן מארק ווערט ארויסגעלאזט א נייער 6-צילינדער-מאדעל, וועט דאס יאהר 1929 אריין אין דער געשיכטע פון שעווראלעט מאטאר קאמפאני. קיינמאל האט מען נאך נישט פערקויפט קיין אויטא'ס פון אזא קלאס צו אזא נידריגען פרייז. דער נייער מאדעל איז באמת א סענסאציע, וועגען וועלכער עס רעדט די גאנצע וועלט.

דער צונאמען „עפּאכען", וואס איז געגעבען געווארען דעם נייעם מאדעל, איז נישט קיין איבערראשונג. דער שעווראלעט פון יאהר 1929 שטעלט מיט זיך פאר א גרונד-ענדערונג אין דער ענטוויקלונג פון אויטאמאביליזם. סאיז שווער צו גלויבען, אז דאס איז אן'אויטא, וואס ווערט אויסגעארבייט מאסענווייז.

### נייער מאָטאָר.

דער פרינציפיעלער חדוש פון נייעם מאדעל איז דער 6-צילינדערדיגער מעכטיגער מאטאר, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר דאס לעצטע ווארט פון אויטאמאביל-טעכניק. דער דאזיגער מאטאר מיט אן'אויבערשטער אויפלעזונג איז א רעזולטאט פון פיריאהריגע עקספערימענטען און פראבעס, וואס זענען דורכגעפיהרט געווארען אין די לאבאראטאריעס און עקספערימענטאל-געביטען פון דזשענעראל מאטארס. העכער הונדערט טיפען 6-צילינדערדיגע מאטארען זענען אויסגעפּערטיגט געווארען און מיט זיי זענען געמאכט געווארען פיל פראבעס, איידער עס איז ענטגילטיג אנגענומען געווארען דער מאטאר, וואס ווערט איצט אנגעווענדט אין די נייע שעווראלעט-מאדעלען.

די קראפט פון מאטאר, וואס איז פערגרעסערט געווארען אויף 32,8% אין פערגלייך מיט'ן פריהערדיגען מאדעל, איז גלייך 46 קמ. ביים טארמאז, ביי 2600 שוואונגען אין א מינוט. די מאקסימאלע שנעלקייט פון אויטא איז אויף דעם אופן פערגרעסערט געווארען אויף 20 פראצענט.

### נייע אויסבעסערונגען.

דאס סיסטעם פון בענזין-צופלוס איז בעדייטענד פערפולקאמט געווארען. דער בענזין ווערט פון הויפּט-באסיין מיט א פערגרעסערטען אויפנעהם פון 41,64 ליטער צוגעשטעלט דורך א זויג- און דרוק-פאמפע. וואס איז פערזעהען מיט א ספעציעלען גלעזערנעם פילטער, וועלכער פערהאלט אלערליי אומריינקייטען, וועלכע עס ענטהאלט דער בענזין.

די אנווענדונג פון א ספעציעלער פאמפע ביים קארבוראטאר, וועלכע שטעלט צו א צוגאב-סכום בענזין מיט'ן מאמענט, ווען מיר דריקען ראפּטום אן אויפ'ן אקצעלעראטאר, פערגרעסערט די אקצעלעראציע אויף 21% אין פערגלייך מיט'ן פריהערדיגען מאדעל.

א ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פערדינט די פערפולקאמונג פון דער דירעקטער און אויטאמאטישער איינאיילונג.

די נייע פערפולקאמטע טארמאזען אויף פיר רעדער ווירקען גלייכמעסיג ביי א לייכטען אויפדרוקען אויפ'ן פעדאל. דער קארבען-וואל, וואס איז אויסערגעוועהנליך שטארק געבויט פון געהאמערטען שטאהל, ווערט סטאטיש און דינאמיש געהאלטען אין גלייכגעוויכט און גיט זיך נישט אונטער דער וויבראציע אפילו ביים שנעלסטען פאהרען.

### נייע קאַראָסעריעס.

די נייע פישערס קאראסעריעס, וועלכע זענען מעהר גרויס און מעהר אויסגעצויגען ווי ביי די פריהערדיגע מאדעלען, מאכען א העכסט עסטעטישען איינדרוק. זייער אויסערליכער אויסזעהן קאן צופרידענשטעלען אפילו דעם איבערקלייבערישסטען קענער. דער אויסערגעוועהנליך טרעפליכער צוקלייב פון קאלירען, מיט וועלכע די דאזיגע אויטאס זענען געפארבט, מאכט העכער זייער עלעגאנץ. די אויסגעצויגענע נידריגע ליניעס, כראמירטע ארנאמענטאציע, ברייטע פעררונדיגטע בלאטע-אפשיבערס, הויכע מאסקע, דאס אלץ גיט צו די דאזיגע אויטאס א לוקסוס-אויסזעהן.

די אינערליכע אויספערטיגונג פון די נייע שעווראלעטען איז אהן פארוואורף. די ברייטע בעקוועמע זיץ-ערטער זענען בעדעקט מיט געשמאקפולע, דויערהאפטיגע מאטעריעס, וועלכע הארמאנירען מיט די קאראסעריעס פון געגעבענעם אויטא. צווישען די זיץ-ערטער איז איבערגעלייגט א סך פרייע פלאץ פאר די פיס. די ברייטע פענסטער-ראהמען עפענען א ברייט אבסערווירונגס-פעלד.

אין די נייע שעווראלעטען איז צווישען אנדערע איינגעפיהרט געווארען זעהר א וויכטיגע אויסבעסערונג — א בעוועגליך זיץ-ארט פונ'ם פיהרער. דאס זיץ-ארט קאן איבערגערוקט ווערען אפילו בעת'ן פאהרען מיט דער הילף פון א קליינער, קורצער קארבע.

אנ'עפעקטפול נייעס אין שעווראלעט פון יאהר 1929 זענען אויך די פאדערשטע לאמטערנס, וועמענס אויסזעהן עס האט פיל געוואונען אין נייעם מאדעל, כדי מ'זאל קאנען גאנץ פריי נידריגער מאכען די ריכטונג פון ליכט האט מען אין די נייע לאמטערנס פון שעווראלעט צוגעמאכט ביי דער לינקער זייט פון פעדאל א ספעציעלען איבערשאלטער, וועלכער פונקציאנירט ביים אנדריקען מיט'ן פוס.

אלע מאדעלען זענען פערזעהן מיט א ווארנונגס-לאמפ „סטאפ" און מיט א שטארקען ליכט. דער גריף פאר דעם רעזערוו-ראד געפונט זיך פון אונטען.

ענדליך זענען אלע מאדעלען פערזעהען מיט בעוואוסטע היבראולישע אמארטיזאטארען פון סיסטעם „לאוודזשאי", וועלכע גאראנטירען א בעקוועהם און געפאהרלאז פאהרען אויף די ערגסטע וועגען. די דאזיגע אמארטיזאטארען פון אייל-סיסטעם זענען אויסגעצייכענט בעקאנט אין דער גאנצער אויטאמאביל-וועלט און ווערען בענוצט ביי די טייערסטע אויטא'ס.

אין רשות פון קויפער געפינען זיך זיבען פערשידענע מאדעלען פון די פישער-קאראסעריעס. דאס זענען: פאעטאן, ראדסטער, קאטש, קופע, סעדאן, ספארט קאבריאלעטאי, קאנווערטיבל לאנדא. יעדער איינער וועט צווישען די דאזיגע מאדעלען געפינען אנ'אויטא, וואס איז פאר איהם פאסיג.

בעפרידיגענדיג אזוי ארום אלע געשמאקען און פאדערונגען, איז דער עפּאכען-שעווראלעט צוגענגליך פאר דעם ברייטסטען עולם, ווייל א דאנק די פערלייכטערטע צאהלונגס-בעדינגונגען, שטעלט נישט פאר מיט זיך דאס איינשאפען זיך פון אזא אויטא קיין שום שוועריגקייטען, דאס גלענצענד ארגאניזירטע בעדינונגס-סיסטעם און די יעהרליכע גאראנטיע זיכערען די דויערהאפטיגקייט און אומגעשטערטע פונקציאנירונג פון דאזיגען עפּאכע-אויטא.

אין די נאהענטסטע טעג וועט זיך בעווייזען אנ'אנאנס, וואס וועט מודיע זיין וועגען ערשיינען אויפ'ן מארק פון א נייעם זעקס-צילינדערדיגען לאסט-שעווראלעט.

# CHEVROLET

## GENERAL MOTORS W POLSCE, WARSZAWA

